גליון שע"ג

פ' וישב תשפ"ה לפ"ק

מרומם זיין עבודת התפלה וקדושת ביהמ"ד מיט די "הייליגע קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

אֶת אַחַי אָנֹכִי מְבַקֵּשׁ – וַיִּמְצָאֵם בְּדֹתָן. (ל"ז, י"ז)

**ווען** א איד שטעלט זיך דאווענען פארן באשעפער, און זאגט צום ערשט 'לשם יחוד כו' בשם כל ישראל', ווערט דורכדעם זיינע תפילות נתקבל, כאטש ער איז נישט קיין צדיק, און גייט נישט אלץ ח"ו בדרך התורה כראוי, דאך ווערט דאס פאררעכנט כאילו ער וואלט מקיים געווען די תורה.

דאס איז מרומז אין פסוק, **'את אחי'** - ווען איך באהעפט זיך מיט מיינע ברידער פון כלל ישראל, דאן, **'אנכי מבקש'** - קען איך מתפלל זיין און די תפילות ווערן אנגענומען, **'וימצאם בדותן'** - און עס ווערט פאררעכנט כאילו מען וואלט מקיים געווען דעם דת של תורה.

(זרע קודש)

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ק רבי חיים חזקיהו מדיני זצוק"ל
בעל שדי חמד – כ"ד כסלו תרס"ה

**וּכְבָר** יָדוּעַ גּוֹדֶל קְדוּשַּׁת בֵּיהַכְּ"נ וְחִיּוּב מוֹרָאוֹ וְרָאוּי לָנוּ לִבְרוֹחַ כְּבוֹרֵחַ מֵהָאֲרִי מֵחֲשַׁשׁ נִידְנוּד אִיסוּר בְּבֵיהַכְּ"נ וּבְבֵיהַמִּ"ד... וְלָכֵן חוֹבָה עָלֵינוּ לִבְרוֹחַ מִצַּד פִּתְחֵי הֶיתֵּר כְּדֵי שֶׁלֹּא לָבֹא לִידֵי חֲשַׁשׁ אִיסוּר בְּמָקוֹם מְקוּדָּשׁ וְנוֹרָא.

(שדי חמד, מערכת בהכנ"ס, אות מ)

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# "איך האב עס אנגענומען, און באשלאסן אז אזא געלעגנהייט קומט נישט אונטער יעדן טאג, איך גיי עס אויסנוצן!..."

**עס** דערציילט הר"ר דוד גאלדשטיין שליט"א, א חשוב'ער שוחט ובודק אין פאסטוויל - אייאווע.

מיט איבער צען יאר צוריק, האב איך חתונה געהאט אין די שטאט בני ברק. די ערשטע צוויי יאר נאך מיין חתונה האב איך געוואוינט אין בני ברק. שפעטער בין איך צוריקגעקומען צו מיין היימשטאט לאנדאן, וואו איך האב געוואוינט פאר די קומענדיגע אכט יאר.

ווי יעדער דורכשניטליכער יונגערמאן האב איך נישט גע'חלומ'ט אז איך וועל ליידן פון עפעס עקסטערע שוועריגקייטן, אבער ווען עס איז אריבער א יאר, און נאך א יאר, און איך האב נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, האב איך אנגעהויבן ווערן באזארגט.

איך בין א טשערנאבלער חסיד, און איך האב קביעות'דיג געדאוונט אין די טשערנאבלער שול. מיין רבי, דער טשערנאבלער רבי שליט"א, רעדט אסאך פון נישט רעדן ביים דאווענען, אזוי אז איך קען זאגן אז אין אלגעמיין רעדט מען נישט ביי אונז אין שול ביים דאווענען, דערפאר איז אסאך וואס מקבל צו זיין נישט געווען, אבער עס קען דאך אייביג זיין בעסער, און ווען עס איז מיר אונטערגעקומען א געלעגנהייט, האב איך מעורר געווען דעם עולם איבערדעם.

עס איז געווען איידער מען האט אפגעראכטן ביי אונז אין שול א ראש חודש מסיבה, ווען דער גבאי פון שול איז צוגעקומען צו מיר, פרעגנדיג צי איך קען אויפטרעטן אין שול ביי דער מסיבה. איך האב עס אנגענומען, און באשלאסן אז אזא געלעגנהייט קומט נישט אונטער יעדן טאג, איך גיי עס אויסנוצן.

נאכן זאגן א ווארט איבער די פרשה, האב איך מקדים געווען אז איך וויל עפעס רעדן פערזענליך. א שארפע שטילקייט האט געהערשט אין שול, מיין הארץ האט פעסט געפאמפט, אבער איך האב זיך נישט אפגעשטעלט, וויסנדיג 'אם לא עכשיו אימתי'.

"מורי ורבותי, דער עולם ווייסט דאך מיין מצב. עס איז שוין אכט יאר פון מיין חתונה, און איך האב ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, איך וועל ענק עפעס בעטן".

איך האב זיך גוט אנגעגרייט פון פריער, איך האב געהאט ביי מיר עטליכע סיפורים איבער די הארבקייט פון רעדן ביים דאווענען, און איבער די ישועות וואס מען זעט נאכן זיך אונטערנעמען די קבלה נישט צו רעדן, אבער איך האב אויסגעוועלט די מעשה וואס עס האט פאסירט ביי דעם צדיק און וועלט-באקאנטער בעל מוסר, רבי אביגדור מיללער זצ"ל, און דאס איבערדערציילט.

די מעשה האט פאסירט ווען אן אמעריקאנער איד האט זיך דערוואוסט אז זיין קינד איז דיאגנאזירט געווארן מיט די ביטערע מחלה ה"י. דער איד איז געווען צעבראכן און צעשאסן פון די ידיעה, און זייענדיג א מקורב צו ר' אביגדור, האט ער אים מיטגעטיילט מיט די ידיעה.

דער צדיק ר' אביגדור האט געהערט די געשיכטע און מיטגעבלוטיגט מיט דעם איד.

"רבי וואס טוט מען?". האט דער איד געפרעגט.

דער צדיק ר' אביגדור האט געטראכט א מינוט, און זיך אנגעהויבן פאראינטערעסירן ביי אים צי אין דער שול וואו ער דאווענט שבת רעדט מען ביים דאווענען.

המשך אויף עמוד ב'

# ופנו את היכלך

**א** איד רופט און זאגט: ״א גוטן... איר געדענקט, ווען מיט עטליכע וואכן צוריק זונטאג, האבן מיר געדאווענט מנחה אינעם זעלבן מנין, מיין סעלפאן האט זיך פיר מאל צעקלונגען בשעת׳ן דאווענען?... (אוי ווי איך געדענק...).

״נאכן דאווענען האבן מיר געכאפט א שמועס, און איך האב דיר דערציילט אז איך דארף ישועה אין א געוויסן ענין, און דו האסט מיר גע׳עצה׳ט אז איך זאל אונטערנעמען א קבלה בענין קדושת בית המדרש.

״וויל איך אייך דערציילן, כ׳האב זיך טאקע דעמאלס מקבל געווען ארויפצוברענגען מיין דאווענען אויף א העכערן לעוועל, נישט צו רעדן ביים דאווענען, און אויך אויסצולעשן די פאון בשעת׳ן דאווענען. ״כ׳האב ב״ה געהאט א גרויסע ישועה. כ׳האב נעכטן ׳געפעסט׳ א טעסט וואס איך האב שוין אפאר מאל ׳געפעילד׳, און נעכטן איז געווען פונקטליך ׳דער פערציגסטער טאג׳ פון מיין קבלה!״

און ער לייגט צו: באקומען א ׳סלאַט׳ צו קענען נעמען דעם טעסט איז אויך נישט אזוי פשוט... מ׳קען אמאלווארטן דריי חדשים צו קענען באקומען אן אפוינטמענט. כ׳האב עס באקומען שנעל און גרינג, און אזויווי כ׳האב געזאגט, ס׳איז געווען ׳פונקט׳ אויפן פערציגסטן טאג פון מיין קבלה. ס׳איז ממש אמעיזינג!...״

עטליכע שעה שפעטער, רופט א צווייטער איד, און דערציילט זיין מעשה: ״א שטיק צייט צוריק בין איך אריבערגעגאנגען אן אינוועסטיגעישאן אויף אן ערנסטן ענין, כ׳האב דעמאלס געטראכט וואס איך קען מיך פארנעמען צו פארבעסערן מיין דאווענען, כ׳האב מיך פארגענומען נישט אריינצוברענגען מיין סעלפאן אין שול. כ׳האלט זייער שטארק די קבלה. איך לאז עס אין קאר, אדער לייג איך עס אין פּאָליש.

״ב״ה היינט פרייטאג האב איך געזען 99 פראצענט פון די ישועה. נאך איין קלייניגקייט דארף דורכגיין.

״אגב, לייגט ער צו, ״זייט כ׳האב דאס אנגעהויבן טון, איז מיין דאווענען אסאך געשמאקער. ס׳איז ממש א מחיה!״

כ׳האב ביידע געבעטן אז זיי זאלן אריינרופן צו ׳נקדישך׳ דערציילן די מעשיות, אז מ׳זאל עס קענען מפרסם זיין אין ׳קול קוראים׳. איינער פון די צוויי האט נישט געהאט קיין חשק, ״מיינע באקאנטע האבן מיטגעהאלטן די גאנצע מעשה, כ׳וויל נישט זיי זאלן כאפן...״

מ׳האט אים מסביר געווען, אז ער אליין איז נתעורר געווארן צו נעמען דער קבלה, נאר ווייל ער האט געזען שרייבן דערוועגן. איז דען יושר אפצוהאלטן אנדערע אידן?... ווער ווייסט וויפיל נאך אידישע קינדער וועלן נעמען דער קבלה הערנדיג ׳זיין׳ מעשה. ס׳איז זיכער שייך ביי דעם דער מצוה פון ׳פרסומא ניסא!׳

*

**וכי** ישאל השואל, דער ערשטער בעל מופת האט זיך אליין מודה געווען אז פערציג טעג צוריק האט נאך זיין סעלפאן הויעך געקלינגען בשעת מנחה, און ער איז שוין א געהאלפענער ב״ה, און איך האב שוין פאר א יאר צייט נישט מיין טעלעפאן ביים דאווענען, וואו איז מיין ישועה?...

טייערער איד, איר זענט נישט אליין, ס׳איז דא א מספר רב מבני ישראל וואס שוין עטליכע יאר רעדן זיי נישט קיין אות אחת מתחילת התפילה עד סופה, זיי האבן נישט קיין טעלעפאנען ביים דאווענען, טייל זענען אפילו ׳מהדרין מן המהדרין׳, דער טעלעפאן טרעט בכלל נישט אריבער דעם מזוזה פונעם היכל המלך, און זיי ווארטן נאך לישועות מן השמים בבני חיי מזוני, רפואות בגוף ובנפש.

דער סוגיא האט מען שוין עטליכע מאל אויסגעשמועסט, און מ׳דארף עס כסדר חזר׳ן: די כח פון די קבלות איז טאקע געוואלדיג גרויס ממשיך צו זיין א ישועה, אבער אין הימל איז פארהאן נאך אסאך חשבונות, ס׳איז כבשי דרחמנא, און מיר קענען נאר זאגן ׳אני מאמין...׳

מיר לערנען דא די פרשה פון מכירת יוסף. יעקב אבינו איז דורך אזעלכע שוועריגקייטן בכל התחומים, און דאך איז ער געבליבן געטריי דער ׳בחיר שבאבות׳. זיין זון יוסף, וואס ווערט באטיטלט אלס ׳צדיק׳, האט אויך געהאט ביטערע נסיונות און שוועריגקייטן, און קיינער איז נישט מסופק אין זיין קדושה און ערליכקייט.

דער ציל מיטן מפרסם זיין די מופתים און ישועות וואס אידן זעען, איז נישט אז דאס זאל זיין דער ׳הויפט ציל׳ פון נעמען דער קבלה. מיר נעמען דאס נאר אלס א ׳ווינק׳, צו ווייזן פאר אידישע קינדער אז דער באשעפער האט הנאה דערפון, און ער איז מקבל די קבלות באהבה! והא ראי׳, מ׳זעט אפט אז פונקט אויפן פערציגסטן טאג, נישט פריער אדער שפעטער, קומט דער ישועה. עס שטימט מיטן אם בחוקותי תלכו ונתתי גשמיכם ׳בעתם׳. און אמאל זענען די ישועות אפילו למעלה מדרך הטבע!

איי, וואס וועט זיין מיט מיין דירה, מארטגעדזש, פרנסה, שידוך, נחת?... דער תירוץ אויף דעם איז: מיר זענען מאמינים בני מאמינים, מיר גלייבן און גלייבן, און טוען ווייטער דעם רצון ה׳, לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו. ונאמן בעל מלאכתך לשלם שכר פעולתך.

*

**שטייענדיג** פאר די ימי חנוכה, איז א זמן גרמא זיך מחזק צו זיין אין דעם ענין פון נישט אריינברענגען א סעלפאן אין ביהמ״ד. די ספרים הקדושים (בני יששכר, שפת אמת) שרייבן, אז ׳חנוכה׳ איז דער לשון פון ׳חינוך׳, מיר זענען זיך מרגיל צו צינדן לעכט אין ביהמ״ק, צו די זעלבע צייט קענען מיר זיך צוגעוואוינען וויאזוי מיר דארפן קומען אין בית המקדש. נו, איינער האט בכלל א הוה אמינא איז אין ביהמ״ק וועט מען אריינגיין מיט אן אנגעצינדענעם טעלעפאן?... לאמיר כאטש די אכט טעג חנוכה זיך צוגעוואוינען וויאזוי מ׳דארף אריינגיין בהיכל ה׳.

## הוא מושיענו

המשך פון עמוד א׳

״ליידער, יא״. האט דער איד געענטפערט.

״אויב אזוי, זאג איך דיר האסטו נישט קיין האפענונג. אז דו ווילסט געהאלפן ווערן, טויש א שול, גיי אריבער דאווענען אין א צווייטער שול וואו מען רעדט נישט ביים דאווענען, און דו וועסטו האבן א ישועה״.

דער איד האט געפאלגט, און גלייך געהאט אן אפענע ישועה מן השמים.

איך האב געענדיגט דערציילן די מעשה, און אויפגעהויבן מיין קול צו מיינע חברים.

״מורי ורבותי, איך בעט נישט קיין געלט, איך בעט אבער יא, אז איר אלע זאלט יעצט אויפן ארט מקבל זיין אויף א תקופה, כאטש א האלבע יאר, אז איר גייט נישט רעדן ביים דאווענען״.

מי כעמך ישראל! דער עולם האט נישט געטראכט קיין צוויי, און אלע אויפאיינמאל האבן אויסגעשריגן ׳נעשה ונשמע׳, און זיך אונטערגענומען א פעסטע קבלה טובה לזכותי, נישט צו רעדן ביים דאווענען. ווי באטאנט רעדט מען כמעט נישט אין שול ביים דאווענען, אבער אויך דאס ביסל וואס מען האט יא גערעדט, האט זיך אפגעשטעלט.

בערך א יאר פון די קבלה טובה איז ביי מיר געבוירן געווארן א מיידל לאויש״ט. איך האב שוין געציילט דעמאלס כמעט צען יאר פון די חתונה! די שמחה איז געווען אומבאשרייבליך. מען האט געפראוועט א גרויסער קידוש, און מען האט זוכה געווען צו זען בחוש ווי די קבלה טובה ברעכט דורך אלע טויערן, עס ראטעוועט אידן פון אלע גזירות, און מען איז זוכה דורכדעם צו זען ישועות בחוש!

קבלת שבת

# פיוט 'לכה דודי' (ז)

*מִקְדַּשׁ מֶלֶךְ עִיר מְלוּכָה,*
*קוּמִי צְאִי מִתּוֹךְ הַהֲפֵכָה,*
*רַב לָךְ שֶׁבֶת בְּעֵמֶק הַבָּכָא,*
*וְהוּא יַחֲמוֹל עָלַיִךְ חֶמְלָה.*

## שבת קודש איז מסוגל צו ברענגען די גאולה

**די** קומענדיגע פאר חרוזים זענען מיוסד צו בעטן אויף דער גאולה השלימה, און דער פייטן ווענדט זיך כביכול צו ירושלים עיר הקודש און בעט זיך ביי איר: **מִקְדַּשׁ מֶלֶךְ עִיר מְלוּכָה** - דו, דער קעניגליכער שטאט ירושלים, וואו עס געפינט זיך דער בית המקדש; **קוּמִי צְאִי מִתּוֹךְ הַהֲפֵכָה** - שטיי אויף און גיי ארויס פון די איבערקערעניש; **רַב לָךְ שֶׁבֶת בְּעֵמֶק הַבָּכָא** - דו ביסט גענוג געזעסן אינעם טיפן, פרוכטלאזן טאל; **וְהוּא יַחֲמוֹל עָלַיִךְ חֶמְלָה** - און דער באשעפער זאל שוין רחמנות האבן אויף דיר!

די **מפרשים** זענען מסביר, אז יעצט בכניסת השבת איז די פאסיגסטע צייט צו בעטן אויף דער גאולה, וויבאלד שבת קודש איז מסוגל צו ברענגען משיח, ווי די **גמרא** זאגט (שבת קיח:): **'אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהן אומה ולשון וכו' אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלים'.**

## א רוף צו אונזער נשמה ארויסצוגיין פון דעם אייגענעם גלות!

**דער** הייליגער **שם משמואל** זי"ע שרייבט עטליכע מאל אז דער **'מקדש מלך עיר מלוכה'** איז די נשמה פון א איד, וואס קען ארויסגיין **'מתוך ההפיכה'** ווען עס קומט דער שבת קודש, דעריבער רופן מיר צו אונזער נשמה ארויסצוגיין פון איר אייגענעם גלות.

אויף איין פלאץ (אמור תרע"א) זאגט דער שם משמואל: **'וזה שאנו אומרים מקדש מלך עיר מלוכה קומי צאי מתוך ההפכה, היינו שגוף איש הישראלי הוא מקדש מלך עיר מלוכה כמ"ש 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוכם דייקא, ונאמר 'ונקדשתי בתוך בני ישראל', אך בכל ימי החול הוא בתוך ההפכה מתהפך מטוב לרע ומרע לטוב, ובש"ק אומרים קומי צאי מתוך ההפכה!'**

אויף א צווייט פלאץ (תרומה תרע"ה) זאגט ער: **'הנה בהכנסת שבת שהאדם משליך ממנו כל טרדות וחשבונות דהאי עלמא, שיהיה כאילו כל מלאכתך עשויה, בא לעומתו לקדושת שבת. ולעומת שמשליך ממנו האהבות החיצוניות מתלהב באהבה של קדושה, וזהו ענין קבלת שבת בשירות ותשבחות. וזהו שאנו אומרים בקבלת שבת 'מקדש מלך עיר מלוכה קומי צאי מתוך ההפכה', היינו שזוכין להיות מקדש מלך בשביל שיוצאין מתוך ההפכה ומשליכין את חשבונות הרבים. וכן 'התנערי מעפר קומי לבשי בגדי תפארתך עמי', שבשביל שמתנערין מעפר היא טרדת מלאכה ובגדים צואים, דהיינו מחשבות וכסופין דהאי עלמא, זוכין לעומתם ללבוש בגדי תפארת'.**

## רב לך 'שַׁבָּת'!

**הרה"ק ר' הערשעלע מרימנוב זי"ע** האט געזאגט (בארת המים): **'שֶׁבֶת'** איז די זעלבע אותיות פון **'שַׁבָּת'**. מיר בעטן: רבונו של עולם! **'רב לך שַׁבָּת בעמק הבכא'**, עס זאל זיין פאר דיר גרויס און חשוב דאס וואס מיר זענען מקיים די מצוה פון שבת קודש דא אין גלות, אז אין דעם זכות זאל קומען אויף אידישע קינדער שפע ברכה והצלחה וכל טוב, בני חיי ומזוני!

**הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק זי"ע** (שיח יצחק) האט אמאל מאריך געווען אין דעם און געזאגט: אידישע קינדער רעכטן אפ דעם שבת קודש מיט א שמחה און דערהויבנקייט, בשירה ובזמרה, כאטש זיי מאכן נעבעך מיט גרויסע צרות, און טראץ זייער עניות און דחקות. אט דער זכות איז גאר גרויס און הייליג. ווענן דעם זאגט דער פייטן: **רב לך 'שַׁבָּת'** - אין דעם זכות וואס אידן פראווען דעם שבת מיט א גרויסקייט און דערהויבנקייט און מען איז מענג דעם שבת ווען מען געפינט זיך **'בעמק הבכא'**, אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צום **'והוא יחמול עליך חמלה!'**

## מבטל געווען די גזירה ביי 'והוא יחמול עליך חמלה'

**א**מאל האט **הרה"ק מבארדיטשוב זי"ע** זיך ארויסגעלאזט צום שטאט יאַס צו זיין אויף שבת ביי **הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע**, וועלכער האט דעמאלס געוואוינט אין יאס. ער האט מיטגענומען מיט זיך זיין זון **הרה"ק ר' ישראל מפיקוב זי"ע**, און אונטערוועגנס האט ער זיך אפגעשטעלט אין שטאט מאהלוב, און אויך מיטגענומען מיט זיך **הרה"ק בעל באר מים חיים זי"ע.**

ווען זיי זענען אנגעקומען ערב שבת אינדערפרי אין יאס זענען זיי תיכף אריבער צום מרא דאתרא דער **אוהב ישראל**, און זיי זענען געזעסן פארשפארט אין א צימער פאר א לענגערע צייט. קיינער ווייסט נישט וואס זיי האבן דארט גערעדט, אבער ווען דער רוזינער זי"ע האט שפעטער באזוכט אין יאס בשנת תקצ"ד, האט ער געזאגט: **"ווען דער שטן וואלט ווען געוואוסט פארוואס דער בארדיטשוב'ער קומט צו פארן קיין יאס, וואלט ער פארברענט די רעדער פון זיין וואגן!"**

פרייטאג נאכמיטאג זענען די דריי רועי ישראל אריבערגעגאנגען צום גרויסן בית הכנסת אינעם שטאטישן שול-הויף צו דאווענען מנחה, ווען טויזנטער אידן זענען געקומען צו לויפן כדי צו הערן די תפילות פונעם הייליגן בארדיטשוב'ער.

דער אפטער רב האט מכבד געווען דעם קדושת לוי צוצוגיין צום עמוד צו תפילת מנחה, אבער דער בארדיטשוב'ער רב האט מכבד געווען זיין זון ר' ישראל צו דאווענען.

נאך מנחה איז דער הייליגער קדושת לוי צוגעגאנגען צום עמוד צו קבלת שבת. ווען ער האט אנגעטון דעם טלית, האט זיך דער אפטער רב געשטעלט אויף די טרעפ פונעם ארון הקודש, אויף די לינקע זייט פונעם קדושת לוי, און דער באר מים חיים האט זיך געשטעלט אויף זיין רעכטע זייט.

א ציטער און פחד האט אנגעכאפט דעם גאנצן ציבור זעענדיג די הייליגע צדיקים שטייען ממש ווי ביי 'כל נדרי' ווי א בית דין פון דריי גדולי ישראל, און זיי האבן פארשטאנען אז עס איז דא א שווערע קטרוג אין הימל, וואס די דריי קדושי עליון ווילן מבטל זיין מיט זייערע הייליגע תפילות און פעולות.

ווען דער בארדיטשוב'ער רב איז אנגעקומען ביים פיוט פון 'לכה דודי' צו די ווערטער 'והוא יחמול עליך חמלה', איז ער געווארן זייער צעקאכט, און אנגעהויבן מוסיף זיין פילע פסוקי דרחמי פון די ספרי נביאים. דער הייליגער אפטער רב האט מרמז געווען פאר די ארומיגע אז מען זאל ח"ו נישט מפסיק זיין דעם הייליגן קדושת לוי פון זיין עבודה.

**דאן האט דער הייליגער בארדיטשוב'ער געזאגט דריי מאל בקול רם: 'והוא יחמול עליך חמלה!' און ער איז שטיל געווארן, בשעת ער איז איינגעהילט אינעם טלית, ווי א מענטש וואס נייגט צו זיין אויער צו הערן אן ענטפער. דער גאנצער ציבור איז געשטאנען מיט אן אימה ופחד, ווען עס הערן זיך אויך געוויינען און געשרייען פון די אידן וועלכע זענען געווען אנוועזנד און האבן איינגעריסן לבטל את רוע הגזירה.**

ביז דער הייליגער קדושת לוי האט געהערט א קול דממה דקה אז די תפילות האבן עושה רושם געווען, און די גזירה איז בטל געווארן. דאן האט ער ממשיך געווען דעם שיר פון לכה דודי מיט א געוואלדיגע שמחה.

(פאר הבאר מים חיים - עמוד קכה)

הגה"צ ר' **שלמה רובין** שליט"א אב"ד ציעשנוב ק"י

# דאווענען מיט א חיות און ברען

**ע**ס איז דא א ווארט פונעם הייליגן **בעל שם טוב הקדוש** זיעועכ"י, וואס אלע תלמידי בעל שם קאכן זיך מיט דעם ווארט, יעדער לפי דרכו. דער בעל שם האט געזאגט: 'צהר תעשה לתיבה' - תיב"ה גייט ארויף אויף די ווערטער פונעם דאווענען. **'צהר תעשה לתיבה'** - א איד זאל זען צו באלייכטן די ווערטער פונעם דאווענען וואס ער דאווענט, אז ס'זאל האבן אן אור אין זיך. **ער זאל עס זאגן מיטן גאנצן פייער; מיטן גאנצן הארץ, און מיט דער גאנצער כוונה, אז די ווערטער זאלן לייכטן.**

נאך א ווארט זאגט דער **בעל שם טוב הק'**: **'בא אתה וכל ביתך אל התיבה' - קום אריין מיט דיין גאנצער מציאות אין דעם ווארט, אז זאלסט זיין אינגאנצן ביי דעם ווארט וואס דו זאגסט!** 'בא אתה וכל ביתך' - דיין גאנצע נשמה, דיין גאנצע וועזן און גאנצע מציאות זאל זיין 'אל התיבה'.

## ס'איז מיר גוט דא...

**איך** האב געהערט פון א חסיד'ישן איד א שיינע מעשה: כידוע האבן די פארצייטישע חב"ד'סקער חסידים אריינגעלייגט אויסטערלישע כוחות אינעם דאווענען. מ'האט זיך מתבונן געווען פארן דאווענען שעות ארוכות, ס'איז געווען א דרך מיוחד לפי דרכם בקודש, און נאכדעם האט מען געדאווענט שעות ארוכות.

עס איז געווען ווערטער ביים דאווענען וואס זיי האבן איבערגעזאגט נאכאמאל און נאכאמאל, און מיטגעלעבט. זיי האבן זיך געהאט זייערע עבודות פון התבוננות המח. [איך געדענק, ווען איך האב געלערנט אין ארץ ישראל, האט מען פארציילט אז ס'איז געווען דארט א חסיד וואס איז געזעסן אין חב"ד שול אזויווי די אלטע חסידים, און ער פלעגט דאווענען יעדן טאג צווישן זעקס און זיבן שעה! עס האט געקענט אויסקומען אז ער זאל ערשט טועם זיין נאכמיטאג.]

על כל פנים האט ער פארציילט, אז ס'איז געווען איינער פון די זקני חסידי חב"ד וואס ער האט זיך אנגעטשעפעט אין א ווארט ביים דאווענען, און עס איבערגעזאגט נאכאמאל, און נאכאמאל, און נאכאמאל, און נאכאמאל... אז די ארומיגע זענען שוין צעקראכט געווארן צו הערן אזויפיל מאל דעם זעלבן ווארט...

גייט איינער צו צו אים און פרעגט אים: "וואס שטייסטו דא ביי דעם ווארט? גיי שוין צום נעקסטן!"

האט דער חסיד געענטפערט: **"אז ס'איז מיר גוט דא, וואס דארף איך גיין דארט?!..."**

ער האט הנאה דא! דער אויבערשטער האט אים געהאלפן אז ס'האט זיך אים אנגעצונדן דארט זיין נשמה, וואס דארף ער גיין קריכן ערגעץ אנדערש?...

פארשטייט זיך אז יעדער איינער דארף וויסן וואו ער באלאנגט, מיר האלטן נישט ביי דעם, אבער דער גאנצער תכלית פון לערנען ספרי תלמידי בעל שם טוב פלעגן אונזערע רבי'ס זאגן, איז א גרויס חלק דערפון פשוט צו וויסן ווי ווייט מ'איז.

איבערזאגן ווערטער ביים דאווענען שטייט גראדע אין תולדות פונעם בעל שם הק' אז מ'זאל דאס נישט טון. על כל פנים: 'בא אתה וכל ביתך אל התיבה' איז א ווארט פונעם בעל שם הק', אז זאלסט אריינקריכן אינעם דאווענען; נישט סתם דאווענען קאלט. זאלסט ארויסזאגן יעדעס ווארט מיטן גאנצן פייער, מיטן גאנצן הארץ, און מיט דער גאנצער כוונה און מחשבה.

## דאווענען מיטן גאנצן כח!

**עס** שטייט אין ספה"ק **'בית אהרן'** אין די ליקוטים [מבנו הרה"ק ר' אשר מסטאלין זי"ע] מורא'דיגע ווערטער: **'בזה הזמן שנחלשו הכחות ואינו יכול לסגף ולקרר היצר ולקדש א"ע שלא נכסוף להבלי עולם וגם אין בנו דעת להתענות. לכן אין תקנה אלא בתפלה בכל כח שבעמל כחו בתפלה מקרר היצר ומטהר עצמו בכל אות ואות. מה הנחלים מטהרים אף בתי כנסיות ובתי מדרשות'.**

ער זאגט: מיר האבן נישט היינט קיין כוחות אויף סיגופים אפצוקילן דעם יצר הרע, אז דאס הארץ זאל נישט גלוסטן צו די הבלי עולם הזה. פארצייטישע אידן האבן נישט געגעסן און נישט געשלאפן, און דער מענטש האט ניטאמאל געהאט די כוחות אז דער יצר הרע זאל קומען, אונז האבן נישט די כוחות צו דעם. דער **מאור ושמש** ברענגט דאס שוין בשם דעם הייליגן **ר"ר אלימלך זי"ע** אז מ'טאר דאס נישט טון.

אבער אז מ'וועט ווייטער עסן און זיין געזונט און שטארק, האט דאך דער יצה"ר חלילה א מקום. וואס איז דער עצה אויף דעם? האבן מיר נישט קיין עצה נאר דאווענען מיטן גאנצן כח. **אז א איד פלאגט זיך אויפן דאווענען טוט ער אפקילן דעם יצה"ר, און יעדעס אות פונעם סידור איז מקדש און מטהר א איד אויב איז עס מיטן גאנצן כח, אויב פלאגט ער זיך און איז זיך מייגע און הארעוועט אויפן דאווענען.**

זעלבסטפארשטענדליך אז ביי די קארלינער חסידים האט דאס שטיקל בית אהרן געמיינט כפשוטו, אזויווי מ'האט טאקע מדריך געווען אין קארלין, צו דאווענען מיט יאמערליכע קולות... ווער עס איז שוין דורכגעגאנגען א קארלינער בית המדרש ביים דאווענען פארשטייט וואס דאס מיינט.

דער דרך הק' קומט נאך פון **הרה"ק מסטרעליסק זי"ע**. דער סטרעטינער איז געווען א תלמיד פונעם סטרעליסקער, און דער סטרעליסקער איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן לעכאוויטשער, און דארט איז געווען קולות וברקים ביים דאווענען.

ביי אונזערע רבי'ס איז דער דגוש נישט געווען דוקא אויף די קולות נוראות, ס'איז געווען א הדגשה דייקא אויף קול רם, אבער נישט מיט קיין צעקות משונות, אויסער אמאל אז מ'האט נישט קיין ברירה, אבער דאווענען לעבעדיג, יא! זיך שאקלען און דאווענען הויעך און נישט פארשלאפן. נישט ווי עמיצער זאגט עפעס שטילערהייט א סוד פאר א צווייטן.

קומט אויס אזוי: אז **די 'בא אתה וכל ביתך אל התיבה' וואס דער הייליגער בעל שם האט געזאגט, אז מ'זאל אריינקריכן מיטן גאנצן מציאות אין יעדעס ווארט, איז א הדרכה עמוקה עד סוף כל הדורות, און בימינו אלה איז דאס אונזער שטערקסטער כח קעגן דעם יצר הרע.**

## מיט אלע נערוון און חושים

**איז** דא אויף דעם ענין א שטיקל **'אגרא דפרקא'** וואס מ'דארף כסדר חזר'ן. ער זאגט אזוי: שלמה המלך זאגט אין משלי: **'בכל עצב יהיה מותר, ודבר שפתים אך למחסור'**, טייטשט ער: **'נראה לי לפרש הדבר על דיבורי התפילה שאדם מוציא מפיו'** - דער פסוק איז מרמז אויפן דאווענען. **'אם מדבר בכל כוחו וכוונתו עד שמרגישו בכל אבר'** - אויב א איד דאווענט אזוי אז ער שפירט אין יעדן אבר די ווערטער וואס ער זאגט ארויס, דעמאלס **'יהיה מותר'** - ברענגט עס א ריוח. דאס הייסט, דער איד ווערט נתקדש און אויסגעאיידלט, עס קומט אריין אהבת ה' און יראת ה' אין הארץ, ער ווערט נאנט צום אויבערשטן. אויב אבער ער רעדט נאר **'בשפתיו'** - אבער ער לעבט נישט מיט **'עד כדי כך שאבריו מרגישים'**, דאן זענען די ווערטער ווי בעלי מומים.

ברענגט ער טאקע דארט דעם ווארט פון די תלמידי בעל שם אויף **'בא אתה וכל ביתך**

המשך אויף עמוד ה'

אדיר וחזק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

### מען מוז פגע'ן

הרה"ק ר' דוד מלעלוב זיע"א היה רגיל לומר עה"פ 'ויפגע במקום', שדרשוה חז"ל על תפילה לפני המקום ב"ה, ויפגע הוא מלשון פגע, חובה על האדם להרבות בתפילה עד אשר יזכה להיענות בתפילתו, ובטרם שנענה משמים אל יפסיק מלהטריד כביכול את קונו, ואמר בלשון אשכנז, מען מוז זיך פעגע"ן ביי אונזער ליבן באשעפער, כמו פגע שאינו רוצה לשוב וללכת מהשי"ת. (דברי דוד לעלוב)

וישמיענו
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

### חלב חלף חלב

דרכו של הרה"ק ר' שלמה לייב מטיטשין זצ"ל, בתפילת שחרית, עת הגיע לפסוק 'ובהעלות אהרן את הנרות', הוסיף להדליק נר לפני העמוד, וכשהיו הנרות של חלב היה מדליק ב', ואמר בשם הרה"ק משינאווא זצ"ל, שאחרי חורבן הבית בכו הבהמות לפני הקב"ה שאין מקריבין חלבם ע"ג המזבח, והקב"ה פייסם בזה, להדליק נרות מחלבם בתפילה בביהמ"ד. (ברכת שלמה)

# עַל יְדֵי צִדְקֶךָ

רשפי אש וסיפורי קודש בעניני "עבודת התפילה" שראינו ושמענו
אצל צדיקים הק' מדורות הקודמים בעלי ההילולא

**עבודת התפילה**
אצל הרה"ק מרן
**רבי אלעזר מקאזנין**
זיעועכי"א
כ"ו כסלו
תרכ"ב לפ"ק

## בעטן פאר א צווייטן

**אין** ספר 'ספרן של צדיקים' ווערט דערציילט: איך האב געהערט פון כבוד קדושת **אדמו"ר הרב הקדוש ר' ירחמיאל משה זצוק"ל מקאָזניץ**, אז ר' משה ווארשיווער ז"ל האט געפרעגט רבי אלעזר מקאָזניץ זצ"ל וויאזוי ער האט זוכה געווען צו ווערן א רבי?

האט רבי אלעזר אים געענטפערט: איינס, **ער האט קיינמאָל נישט מתפלל געווען קיין תפילה אנדעם וואס ער זאל נישט כולל זיין אויך א צווייטן.** ער האט אלעמאל אויך אינזין געהאט אנדערע אידן אין זיינע תפילות. צווייטנס, יעדע זאך וואס ער האט נאר געזען מיט זיינע אויגן האָט ער דערפון אַרויסגענומען אַ מוסר. דריטנס, יעדע זאַך וואָס ער האָט געזען האָט ער נישט געקוקט די גשמיות דערפון נאָר די רוחניות דערפון.

נאָך אַ פערטע זאַך האָט ער געזאָגט וויאַזוי ער איז געוואָרן רבי, אָבער רבי יחיאל משה ז"ל האָט געזאָגט אַז ער האָט דאָס פאַרגעסן. דער 'ספרן של צדיקים' פירט אויס: איך האָב געהערט אַז די פערטע זאַך איז געווען, אַז מעודו האָט ער נישט געהאַט קיין בטחון אין קיין שום נברא נאָר אין בורא כל עולמים.

## ווייזן מיטן חיצוניות מער ווי פנימיות

**נאך** ווערט דערציילט אין ספר 'ספרן של צדיקים': איך האב געהערט פון **הרב הקדוש ר' ירחמיאל משה מקאָזניץ ז"ל**, אז איינמאל האָט זיין זיידע רבי **אלעזר מקאָזניץ** געזען דם רב פון ק"ק גארוואָלין ווי ער האט געדאווענט מיט אן אויסערגעווענליכע התלהבות.

האט אים רבי אלעזר מקאָזניץ געזאגט: איך האב געזען אין א ספר אז מען טאר נישט מאכן קיין תנועות מיט די אברים חיצוניים מער פון וויפיל מען האט אין פנימיות.

גלייך נאכדעם האט אים רבי אלעזר מקאָזניץ געזאגט: דאס איז דוקא ביי ווען עס איז דא אביסל פנימיות, אבער ווער עס האט אינגאנצן נישט קיין פנימיות, דער זאל זיך על כל פנים האקן דעם קאפּ אין וואנט ביים דאווענען, און ער זאל מיט דעם מעורר זיין אביסל פנימיות.

ר' ירחמיא' משה האט אויף דעם סיפור פאַרענדיגט: אז דאס איז וואס עס שטייט אין ספר הקדוש 'בית אהרן': 'לעומת המסגרת תהיין הטבעות' - לויט וויפיל עס ליגט אים פארשפארט אין האַרץ פון קדושה, זאל ער זיך באַנוצן מיט טבעיות, און ארויסווייזן זיין התלהבות אינדרויסן.

און דער 'בית אהרן' האט אויך געזאגט: נאך א מזל אז עס שטייט 'בפיך ובלבבך לעשותו', ווייל אויב עס שטייט ווען 'בלבבך' פאר 'בפיך' וואלט נישט געווען קיין שום תקנה, אבער יעצט וואס עס שטייט 'בפיך' פריער, קען מען אנהייבן מיטן מויל, ממילא וועט נתעורר ווערן דאָס האַרץ, נאכדעם טוט מען נאך אביסל מיטן מויל און דאס הארץ ווערט נאכמער נתעורר, וכן חוזר חלילה.

האָט ר' ירחמיא' משה געזאָגט, פון דעם זעט מען אז מ'מעג ווייזן מיט די אברים חיצוניים אַביסל מער פון וויפיל מען האָט אין פנימיות.

## צוגעשיקט יונגעלייט צום עמוד

**דער** סדר פון רבי **אלעזר מקאָזניץ** ז"ל איז געווען צו הייסן די בני הנעורים, בחורים'לעך און יונגעלייט, צו דאַווענען פאַרן עמוד, ער האָט געזאָגט: מיט זייער דאַווענען זאָגן זיי אים אַלעס וואָס זיי האָבן געטון.

## כל בי עשרה שכינתא שריא

**ווען** רבי **אלעזר מקאזניץ** איז אנגעקומען אין בית המדרש פלעגט ער רייכערן, אבער ווי נאר עס האבן זיך פארזאמלט צען מענטשן האט ער תיכף אראפגעלייגט דעם לולקע פון דער האנט, זאגנדיג 'כל בי עשרה שכינתא שריא', אויב אזוי איז נישט קיין דרך ארץ צו מעלה עשן זיין פארנט פון דער שכינה הק' (י"ג אורות)

## ממלין טוב זיין אויף אידישע קינדער

**אמאל** האט הרה"ק רבי **אלעזר מקאזניץ** דערציילט, אז עס זענען געווען צוויי מלמדים, וואס איינער האט זייער מצליח געווען אין זיין מלומדות, און דער צווייטער האט נישט געהאט קיין הצלחה. האט דער צווייטער געפרעגט זיין חבר: איך בין דאך נאך אזא גרויסער למדן ווי דיר, און איך קען אויך גוט אויסלערנען פאר די תלמידים, פארוואס האב איך נישט אזא הצלחה ווי דיר?

האט אים דער חבר געענטפערט: איך וועל דיר געבן אן עצה. הייב אן אויסצולויבן די קינדער פאר זייער טאטן, דאס וועט מאכן אז דו זאלסט הייסן א גוטער מלמד. דער מלמד האט אנגעהויבן אויסלויבן די קינדער, אבער די קינדער וועלכע האבן געהערט וויאזוי דער מלמד זאגט פאר זייער טאטן לויב-ווערטער אויף זיי האבן זיי אנגעהויבן צו ווילדעווען, ווייל זיי האבן מער נישט מורא געהאט אז דער מלמד וועט זיי אויסזאגן פאר די עלטערן.

איז ער צוריקגעגאנגען צו זיין חבר און אים געזאגט אז די קינדער זענען גאר געווארן נאכמער ווילד. האט אים זיין חבר געזאגט: נישט אזוי! דו דארפסט אויסלויבן די קינדער צו זייערע טאטע'ס, אבער נישט ווען די קינדער הערן! די קינדער זאלסטו מוסר זאגן און שטראפן.

האט דער הייליגער צדיק אויסגעפירט: **"אזוי טו איך אויך. ווען איך רעד צום טאטן אין הימל זאג איך אויף זיינע קינדער אז זיי זענען גוט און וואויל, אבער ווען איך רעד צו אידן זאג איך זיי מוסר און שטרענגע שטראף-רייד".**

# מְשָׂרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### נעמען א סידור אינמיטן שמו"ע

**שאלה: אויב האט מען זיך געשטעלט דאווענען חנוכה די שמונה עשרה פון אויסווייניג, און מען האט נישט קיין סידור פאר זיך, און מען קען זיך נישט אן עצה געבן מיטן 'על הניסים', צי קען מען מפסיק זיין צו ברענגען א סידור?**

**תשובה:** אויב קען מען זיך צובייגן און נעמען א סידור אן דארפן אוועקגיין פון פלאץ זאל מען טון אזוי, אויב האט מען נישט קיין סידור נעבן זיך בהישג יד, זאל מען לכתחילה ווינקען איינעם וואס האלט נישט אינמיטן שמונה עשרה אז יענער זאל אים ברענגען א סידור.

אויב איז דאס נישט שייך, מעג מען מפסיק זיין און גיין צו אן ארט וואו עס איז דא א סידור, אבער מען זאל אויף יענעם ארט ממשיך זיין מיטן שמו"ע, און לכתחילה נישט צוריקגיין צום ערשטן ארט ביז נאך די שמו"ע.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן #2

# מַשְׁמִיעִים קוֹל

מגידים מפורסמים משמיעים קול בגודל כח התפלה וסגולתה

המשך פון עמוד ד'

**אל התיבה' - 'פירוש, שיכניס כל חושיו ואבריו באור תיבת התפילה',** נאך אזא דאווענען גייט מען אוועק מיט ריוח.

**טייטשט ער אזוי: 'בכל עצב'** - טאמער וועסטו שפירן דאס דאווענען אין דיינע אדערן, אין אלע נערוון און חושים, **'יהיה מותר'** - וועסטו האבן ריוח, **'ודבר שפתים'** - אז דו האסט נאר געזאגט מיט די ליפן, **'אך למחסור'** - איז עס גארנישט.

זיין לשון איז, **'יהיה מותר'** - דער וואס דאווענט מיט אלע כוחות, וועט האבן ריוח **'מה שלא היה לו קודם התפילה, ויתוסף לו איזה הערה בנשמתו במדה טובה'.**

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מ'זאל קענען דאווענען מיט א התחדשות, און זיך אנצינדן מיט א פייער פארן הייליגן באשעפער.

# ידידי מַה לְסֶעלְפָאן בְּבֵיתִי!

**אין שול**

**רעדט מען נאָר**

**צום באשעפער!**



**וּפִנּוּ אֶת הֵיכָלֶךָ קאמפיין**

## אכט טעג חנוכה

**דאווענען אָן דעם סעלפאן!**

## א ישיבה גדולה בחור דערציילט

**דא** רעדט א בחור פון דער סאטמארער ״ישיבה גדולה׳ אין וויליאמסבורג.

איך האב בעפאר דעם פארלאפענעם זומער תשפ״ד זיך אונטערגענומען א קבלה טובה, נישט צו רעדן ביים דאווענען ׳כל ימי הקיץ׳. איך האב געדארפט האבן א ישועה. און ב״ה דער אויבערשטער האט געהאלפן און אלעס איז דורך גוט! היות איך האב זיך אונטערגענומען דאס מפרסם צו זיין, בעט איך אויב מ׳קען אריינלייגן די שורות אינעם ׳נקדישך׳.

דער זכות פון זיכוי הרבים, און בפרט דאס געבן די מעגליכקייט פאר אידן צו קענען מקיים זיין זייערע הבטחות דורכן מפרסם זיין זייערע ישועות, איז א מורא׳דיגער חסד, בנוסף צו דעם וואס עס איז מעורר אנדערע אידן.

אייער זכות האט נישט קיין שאץ. יישר כח!

ל. ס.

*

## געווינען דעם גורל

**לכבוד** מערכת גליון הקדוש ׳נקדישך׳

איך בין א יונגל וואס וואוינט אין מאנטריאל.

קודם כל וויל איך אייך זאגן באמת מעומק הלב אַ גרויסן יישר כח פאר דעם הערליכן גליון. איך האב זייער הנאה יעדע וואך עקסטער מיט די הערליכע חומר.

ביי אונז אין בית המדרש קומט פאר יעדע וואך מוצאי שבת א שיינער ׳אבות ובנים׳, וואו ס׳קומט פאר ווערדפולע גורלות פאר די קינדער וואס האלטן מיט דעם סדר.

איין וואך האב איך שטארק געוואלט געווינען, האב איך זיך אונטערגענומען נישט צו רעדן ביי הויכע שמונה עשרה און קדיש.

אזוי האט מען ארויסגעצויגן איינס ביי איינס. איינס פאר די לעצטע האב איך געבעטן דעם אויבערשטן אז איך וויל עכט האלטן מיין קבלה, ״העלף מיר אז איך זאל געווינען!״ דער לעצטער גורל איז מיין נאמען ארויסגעקומען, און איך האב ב״ה געוואונען!

ש.ב.ש. - מאנטריאל

*

## דער ערשטער ברודער, דערנאך דער צווייטער ברודער... און מ׳גייט ווייטער!

**לכבוד** המערכת

איך וואלט נישט געטראכט אז איך וועל זיין דער וואס רופט אריין ׳פארציילן מעשיות׳, אבער פון הימל האט זיך אזוי געפירט, און דא בין איך דערציילנדיג מיין פערזענליכע מעשה.

מיין שוועסטער האט א טאכטער - א גרושה, מיט נאך צוויי קינדער וואס זענען געווען אין שידוכים. מיר זענען געווען זייער באזארגט און צעבראכן פאר איר.

דעם פארלאפענעם כ״ג אב תשפ״ד, בין איך געווען אינאיינעם מיט מיין ברודער ביים תוס׳ יו״ט׳ס ציון, און מיר האבן זיך אינאיינעם אונטערגענומען א קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען לזכות פון איר קינדער.

מיר ביידע פלעגן באמת נישט רעדן ביים דאווענען. ס׳איז טאקע נישט געווען בתורת קבלה, אבער מיר זענען אלעמאל געווען נזהר נישט צו רעדן.

יעצט, וויבאלד מיר האבן ארויסגעקוקט אויף א ישועה, האבן מיר עס גענומען בקבלה, און גראדע צוגעלייגט א קלייניגקייט, אז מ׳וועט פרובירן ביתר שאת, אז אפילו ווען מיר אליין דאווענען נישט, אבער ס׳זענען דא אידן אין ביהמ״ד וואס דאווענען דעמאלס, וועלן מיר נישט רעדן קיין דברי חול, אלס כבוד פונעם בית ה׳, אלס כבוד פון די מתפללים און פון די עבודת התפילה.

איך האב דארט אזוי געבעטן ״יעדער איינער פארציילט דאך מעשיות, לאמיר אויך זיין איינמאל פון די אלע וואס קענען פארציילן... פארוואס זאל איך נישט זיין פון די וואס קען פארציילן מעשיות איבער ישועות וואס מ׳האט געזען בזכות פון די קבלה!...׳

למעשה איז דורכגעגאנגען די פערציג טאג, איך האב געהאלטן די קבלה, און אויך אויסגעלאשן דעם סעלפאן ביי אלע דריי תפילות, מיין ברודער אויך, אבער קיין ישועה האבן מיר נאכנישט געזען אויפן האריזאנט.

יענעם אינדערפרי, ביום הארבעים, האב איך געגעבן א טראכט צו מיר אין הארץ: ׳רבוש״ע, אפשר דאך?... געב מיר א ווייז! שיק א ליכטיגע ישועה!׳

שפעט ביינאכט, פונעם פערציגסטן טאג, דאס טייטש ׳אור ליום׳ פונעם איין-און-פערציגסטן טאג, רופט מיר מיין טאטע, און דערציילט מיט

המשך אויף עמוד ח׳



# דברים נוראים

ממרן הרה"ק בעל

## ישמח משה

זיע"א

**בפרשתן - פ' וישב**

*

...וכן פירשו (בינה לעתים סוף דרוש מ"ו) שירו לו וגו', שיחו בכל נפלאותיו (תהלים ק"ה פסוק ב) ולא בשבח בני אדם, שמתוך שבחו בא לידי גנותו. והשתא מקיימין הקרא כמשמעו, שירו לו זמרו לו, אז שיחו

**כי בעווה"ר משיחין בפסוקי דזמרה, וגם, בכל נפלאותיו, ר"ל גם בתפילת שמונה עשרה שמספרין גבורות ה' ונפלאותיו**

איך שמוריד גשמים וטללים, ומחי' מתים ורופא חולים, ומברך השנים ומקבץ נדחי ישרא', ומכרית המינים ובונה ירושלים ושומע תפילה, ומספרים איך שעושה בכל יום ובכל עת ניסים ונפלאות הגדולים עמנו, והם מדברים אז דברים בטלים

**אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה! מורדים ופושעים בהיכל מלך! אין זה אלא כפירה סוררה! אין אלקים כל מזימותיו ח"ו!**

# א מעשה נורא אין א ביהמ"ד אין ירושלים

**אל** כבוד המערכת החשובה.

דער בארימטער משפיע הרב ר' מאיר מיכאל גרינוואלד שליט"א רופט מיר אן איין טאג פון ארץ ישראל, און דערציילט מיט התרגשות א מורא'דיגע מעשה:

מיט ארום א חודש צוריק איז ל"ע אוועק פון דער וועלט א חסיד'ישער יונגערמאן מיט די שמונה בגדים, ווייסע זאקן; שטריימל און בעקיטשע, מיט די גאנצע געשעפט.

נאך די שבעה איז אריינגעקומען א קאץ אין ביהמ"ד דארט וואו ער האט געדאווענט, און ער האט זיך אוועקגעשטעלט אויף זיין פלאץ. מ'האט אים בשום אופן נישט געקענט פארטרייבן פון דארט. מ'האט אים געשטויסן און געשלאגן, פרובירט צו פאַרטרייבן מיט שטעקענעס... דער קאץ האט געכאפט מכות, אבער זיך בשום אופן נישט גערירט פון דארט.

דער ציבור האט געזעהן אז דאס איז נישט קיין פשוט'ע זאך, הלא דבר הוא, דא ליגט ווארשיינליך עפעס העכער, האט מען האט פרובירט צו געגעבן צדקה לע"נ די נשמה, געלערנט משניות, געזאגט 'מחול לך', אבער גארנישט געהאלפן.

נאכן מאכן א ריכטיגע התבוננות הנפש איז געקומען אין געדאנק אז דא פאדערט זיך א תיקון בקדושת בית המדרש, און דער גאנצער עולם אין ביהמ"ד האט זיך אונטערגענומען לע"נ, אז מ'גייט דא מער קיינמאל נישט רעדן ביים דאווענען. ס'האט זיי געכאפט א מורא'דיגע התעוררות.

אזיווי זיי האבן זיך אונטערגענומען די קבלה, און יעדער האט אונטערגעשריבן, האט דער קאץ אוועקגע'פגר'ט אויפן פלאַץ... ממש אומגלויבליך!

און רבי מאיר מיכאל זאגט, אז מפני כבוד המשפחה וויל ער מיר נישט זאגן ווער דאס איז. ער וויל מיר אפילו נישט זאגן וועלכע ביהמ"ד ס'איז. אזויפיל האב איך ארויסגעשלעפט פון אים אז ס'איז אין ירושלים.

זאל עס דינען אלס התעוררות, כל זמן שהנר דולק אפשר לתקן. לאמיר דאווענען מיט אן ערנסטקייט און ערליכקייט, וואס וועט אונז באגלייטן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

**אשר קאהן**

גבאי ביהמ"ד מאנאסטריטש, בארא פארק

## זֶה לָזֶה

מכתבים • הערות • והארות

המשך פון עמוד ז'

א מורא'דיגע שמחה, אז מיין שוועסטער האט א שידוך געטון!!!

איך קען אייך נישט זאגן און דערציילן די שמחה וואס מיר האבן געהאט אין הארץ! ס'איז נישט משיג צו זיין!

גראדע, דעם דריי און פערציגסטן טאג האט מיינס א ברודער אויך א שידוך געטון מיט זיין צוואנציג יעריגער בחור!

מיר האבן זיך עס מקבל געווען לזכות פונעם שוועסטער'ס קינדער, אבער למעשה האט מען פון הימל צוגעשיקט נאך א שמחה, און א פרישער שידוך איז געשלאסן געווארן אין די משפחה!

מיר האבן זיך שוין מקבל געווען נאכאמאל פאר די אנדערע קינדער, און דער רבונו של עולם זאל העלפן מ'זאל הערן גוטע לעכטיגע בשורות מיט סייעתא דשמיא, אמן.

הודו לה' כי טוב - אשריכם אז איר האט די זכיי' צו האבן א חלק אין דעם!

ח. י. פ. - ברוקלין נ.י.


# א לעכטיגקייט אין חנוכה!



הדלקת הנרות
שבת חנוכה
הלל והודיה
זאת חנוכה
תפלות חנוכה
מנהגים וענינים

אצל
מוכרי ספרים
או המחבר
845.641.9496


מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה וְאֵיזֶה דִּיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:


KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185
Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org